## ערשטנס, צווייטנס

▲

די פֿאַרליבטע דעמערונג איז אומגעפֿאַלן. אויפֿן באַרג שטייט די נאַכט,
אין בײדע הענט — דעם שטורעם.
די שטילקייט פֿון די טײַכן האָט פֿאַר חרפּה זיך דערטרונקען
דער טונקל האָט אַרויסגעריסן זייער פֿרישע רויטע צונג.
שרײַען שטומע ווײַסקייטן ווי ווײַט ס'איז נאַכט געוואָרן
און די געליבטע הילף פֿאַרלאָשן.
דאָס האַרץ וועט אַרויספֿאַלן, פֿאַרמאַך די פֿענצטער.

דער ריח פֿון פֿאַרנאַכט וואַנדערט זיס אים דורכן גומען,
מיט גאָלד־שירײַם אין די אויגן האַלט דער פֿישער נאָך זײַן געץ
און שלעפּט אַרויס... זײַן צעוואַקסענע, שוואַרצע, דאַרשטיקע געשטאַלט.
מיר שפּיגלען זיך אין שטורעם.
וואָלקנס שרײַען טיף, זיבנהימלש טיף,
פֿאַלן מיר אַרײַן מיט דער נאַכט איבערן קאָפּ,
און לאָזן אַראָפּ פֿון די אָרעמס די פּורפּורדיקע קינדהייט...
ווי קאַלט ווינטן שטעכן די צאַרטע הויט פֿון פֿירמאַמענט.
דאָס האַרץ וועט אַנטלויפֿן, פֿאַרמאַך די פֿענצטער.

אין געקילטע טיכער וויקלען שאָטנס ווי אַ קינד די איינזאַמקייט.
פֿירן זי צום ווייכן גרענעץ צווישן פֿעלד און דעמערונג,
וווּ ביימער לעבן אײַנגעבויגן
אונטער דער לאַסט פֿון צו פֿיל שווײַגן...
מאַכן מיר די אויגן צו — וויג, וויג אַוונטוויגנס!
פֿאַרקלעמען מיר די ווײַס פֿעסט: פֿינטלעך... ליכטלעך... טאַנצן... שוועבן...
אין קאָלירן לויפֿט שפּאַצירן דער שלאָף פֿון אונדזער לעבן — —
טאָ ווער זשע קלאַפּט אין ווײַטסטן טויער?
און אַז מיר עפֿענען זיך אויף:
די באַנג־בלאָ־געאָרעמטע ערד און הימל
האָט אַ בליץ די העלדזער דורכגעמעסערט.
ווי בלוטיקע אָדערן ציִען זיך שטראָמען, פֿאַרנאָרן טיף אין נאַסע גריבער
דעם מענטש צוזאַמען מיט זײַן בענקשאַפֿט.
אונדזערע רויטע אויגן שווימען העט, ווו דער טונקלסטער עק
דונערט שוין דעם געזאַנג פֿון דער נאַכט
און די ערשטע שטערן לאַכן
שלעכט
מיט אַרײַנגעזעצטע זילבערנע אויגן.
דעכער האָבן נישט ווו זיך באַהאַלטן
און רײַסן פֿון זיך שטיקער,
וואַרפֿן קרבנות דעם שטורעם...
און דאָס האַרץ? — פֿאַרמאַך די פֿענצטער!

▲

ווי קאָן מען אַליין זײַן?
דער שטורעם איז דאָ, און דער מענטש איז אין שטורעם, און דער מענטש איז זיך ווײַט
ווי וואָלקן — פֿון הימל...

איז עמעץ נאָך אונטן?
די ערד כאַפּן שטורעמס צו זיך אויף די אַקסלען און דער מענטש איז זיך ווײַט,
אַן אויפֿגעהויבענער פֿליגל... ווי קאָן מען אַליין זײַן?

ווי קאָן מען אַ שטיין זייַן, דער שטיין איז קיין שטיין נישט, דער שטיין איז אַ הייסער
און קאָכט זיסע ברוקן פֿון בלוט.

ווער וויינט הייַנט אַליין ?
אין אַנגסטשוויס לויפֿן איינזאַמקייטן איבער שווינדלטרעפּ פֿון ווינט,
בריִען אָפּגעוויינטע הענט אין צעפֿלאַמטן האָריזאָנט — :
אַפֿשר הענגט דאָרט זייער שולד...

ווי קאָן מען אַליין זייַן און ריין זייַן און טיף זייַן, צום זאַמדיקן ראַנד שרייַט דער קרישטאָל
פֿון אַ טייַך, ווו אַ מענטש שטייט און וויינט
אויס קינאה צו די פֿיש...

דער שטראָם פֿון די הערצער איז אַריבער די ברעגעס.
שטייען: באַגינען און מיטאָג און אָוונט ביזן בויך אין געוויסער.
שיפּט זיך די רויִקייט אַהין און שיפֿל דאָס וואַרפּט זיך...

ווי קאָן מען אַליין זייַן ?
אין טרוים טרוימט דער שטורעם, ווי אַן אייַזערנע צונג
אין אַ זילבערנעם גלאָק...

דעמערונגען וועקן אויף דעם זייַד פֿון זייער דרימל,
רייַסן זיך פֿון בלאָען בעט מיט אַ יללה: כמאָרעס גייען
און מיר גייען אונטער!

ווער איז איצט אַליין ?
אויף די מידע מאַטע שויבן פֿאַלט די נאַכט ווי אַ קללה.
(נאָך קיין מאָל האָט זי נישט געוויזן אַזאַ גרויסן ווילדן קאָפּ
שוידערן די פֿענצטער. די שמאָלע שוואַכע ווייַסע ראַמען גייען אויס.
די ווענט בייגן זיך אין טונקל, באַהאַנגענע מיט שווערע שאָטנס,
ווי בילדער
פֿון געשטאָרבענע געליבטע. ווער וויינט הייַנט אַליין ?

כאַליאַסטרע, ערשטער אַלמאַנאַך, וואַרשע 1922.